11 דער מאַן געזונט פאַר אייך. ער איז דאָס דער
שטיין, וואָס איר, די בוימייסטערס, האָט פאַרוואָרפן,
12 וועלכער איז געוואָרן צום הויפּט פונם ווינקל. און
עס איז נישט פאַראַן קיין ישועה אין קיין אַנדערן;
וואָרום עס איז נישטאָ אונטערן הימל קיין אַנדערער
נאָמען, וואָס איז געגעבן געוואָרן צווישן מענטשן,
דורך וועלכן מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן.
13 און ווען זיי האָבן געזען דעם מוט פון פּעטרוסן
און יוחנן, און האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען
אומגעלערנטע און איינפאַכע מענטשן, האָבן זיי
זיך געוואונדערט, און דערקענט, אַז זיי זענען
14 געווען מיט ישוען. און זעענדיק דעם מענטשן,
וואָס איז געהיילט געוואָרן, שטיין מיט זיי, האָבן
15 זיי נישט געהאַט וואָס אַקעגנצורעדן. נאָר
באַפעלנדיק זיי אַרויסצוגיין אינדרויסן פון סנהדרין,
האָבן זיי זיך באַראַטן איינער מיטן אַנדערן, אַזוי
16 צו זאָגן: וואָס זאָלן מיר טון מיט די דאָזיקע
מענטשן? וואָרום אַז אַ באַקאַנט נס איז דורך
זיי געשען, איז קלאָר צו אַלע איינוואוינער
פון ירושלים, און מיר קענען עס נישט אָפּלייקע־
17 נען. נאָר כדי עס זאָל זיך נישט נאָך מער
פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק, לאָמיר זיי מזהיר
זיין מער נישט צו רעדן צו קיינעם אין
18 דעם דאָזיקן נאָמען. און האָבן זיי גערופן, און
באַפוילן אינגאַנצן נישט צו רעדן און נישט צו
19 לערנען אין דעם נאָמען פון ישוע. פּעטרוס אָבער
און יוחנן האָבן ענטפערנדיק געזאָגט צו זיי: משפט
איר, צי עס איז גערעכט פאַר ג־ט אייך מער צו
20 געהאָרכן ווי ג־ט (אַליין); וואָרום מיר קענען נישט
אַנדערש ווי רעדן דאָס, וואָס מיר האָבן געזען
21 און געהערט. און זיי האָבן נאָכאַמאָל זיי געוואָרנט,